Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 20 גראשען

הײַנט 8 זײַטען

# נייער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

Nr. 93/1388 | Łódź, Niedziela 22 kwietnia 928 r. | זעקסטער יאָהרגאַנג | לאָדז, זונטאָג ב׳ אייר תרפ״ח | Nr. 93/1388

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאַווער 21, טעל. 24-71.

Adres redakcji i administracji: Łódź Piotrkowska 21, tel. 2471.

די אַלע, וועלכע בעזיצען

פּראָטעסטען

אָדער וועקסלען פון דער פירמע „באַנדאַרענקאָ“, לעמבערג, (זאַגאָרסטינאַווסקאַ 10) זאָלען זיך אין זייערע אייגענע אינטערעסען ווענדען הײַנט, 6 אין אָוונט צו יעקב ליפּשיץ (פּאָלנאָצנאַ 4), כדי אָנצונעהמען שריט געגען דער אויבענדערמאָהנטער פירמע.
749

א גרויסע פּאַרטיע

שיך „VIS“

צו בעדייטענד ביליגערע מאַרק- און פאַבריק-פּרייזן

געלעגענהייטליך צו פערקויפען.

אָפּערטען אונטער „VIS“ אין אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג.
713

קאָנקורס.

אגודת תלמוד תורה דאַלטשטאָדט, בזשעזשינער 23

עס קען זיך מעלדען א גוטער מלמד - א פּדגוג

אויף חומש, רש״י און גמרא אין לאָקאַל פון תלמוד תורה (בזשעזשינער 23). גלייכצייטיג קענען זיך מעלדען תלמודים פון גמרא-תוספות. די פערוואַלטונג.

טליתים-פאַבריק

אויסאַרבייטונג פון האַלבע, האַלב-וואָלענע, זיידענע טליתים ... פערקויפען, ווי אויך טליתים-קטנים הורט און דעטאַל ...

אויספּאַרטיגונג, אויך גאַרטלען, שפּאַניער און ציציות

צו בעקומען ביליגער ווי איבעראַל

ביי א. ה. ציטרינאָווסקי קאַמיענאַ 1.

אין צווייטען טויער פּאַרטער. קומט און איבערצייגט אייך! 698
...פערקויפען מ׳האָט אויך אַנגעגאָסען פּלאַן טליתים צו הוליפען

AMERICAN-WRINGER-COMPANY

מאַכט בעקאַנט, אַז דינסטאַג, דעם 24-טען ד. ח. קומט פאָר

די ערעפנונג

פון רעפּרעזענטאַציאָנס-געשעפט אין לאָדז, פּיעטריקאַווער 40

ס׳וועלען פערקויפט ווערען אויף גינסטיגע בעדינגונגען די בעקאַנטע מיט זייער גוטקייט, די אָריגינעלע

AMERYKAŃSKIE WYŻYMACZKI „EMPIRE“

ווי אויך די אונגעוועהנליך פּראַקטישע אין הויזליכען געברויך

MASZYNY DO PRANIA „MARYSIA“

צענטראַלער סוחרים- און פאַבריקאַנטען-פערבאַנד

פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווא, פּיעטריקאַווער 10.

הײַנט, זונטאָג, דעם 22-טען אַפּריל ד. י. 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל

א גרויסע פערזאַמלונג

וועגען דער קריטישער לאַגע פון סוחר׳טום

מיט׳ן אנטייל פון דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען

צוליב דעם, וואָס עס וועלען בעריהרט ווערען די אָנגעוועהטאָגטע פראַגען פון סוחר׳טום – קומט מאַסענווייז!

די פערוואַלטונג.

די קליינהענדלער-באַנק אין לאָדז

איז איבערגעטראָגען געוואָרען פון אַגראַדאָוואַ 10

אויף אַגראַדאָוואַ 2 1-טער שטאָק.

די באַנק נעהמט אָן אינקאַסאָ אויף גאַנץ פּוילען און ערלעדיגט שנעל און פּינקטליך אַלע באַנק-אָפּעראַציעס.

די באַנק איז טעטיג פון 9–2 מיטאָג און פון 4–6 נאָכמיטאָג.
754

א פליסיג-

אַרבייטער

ווערט פון זאָפאָרט געזוכט אויף קילינסקי 6 ביי ראָזענבערג. 752

בוכבינדער-

געזעלען

ווערען געזוכט ביי

שימשעוויטש

פּיעטריקאַווער 26.

אַ שפּולעריין

ווי אויך נייערינס און קוואַליפיצירטע אַרבייטער צו וואַלענע הענטשקעס קענען זיך מעלדען צו מ. פריידענרייך נאַרוטאָוויטש 35.
721

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין עלטער פון 78 יאָהר מיין ליבער מאַן, אונזער טייערער פאָטער, גרויספאָטער, אורגרויספאָטער, שוויגערפאָטער, ברודער און פעטער

נ.ע. יוסף לייב ב״ר משה ז״ל קוטאס

(געוו. לאַנגיעהריגער לאָדזער סוחר פון פאָמאַרסקאַ 7)

די לויה קומט פאָר הײַנט, זונטאָג, דעם 22-טען אַפּריל 1928, 1 אַ זייגער בייטאָג פון פּאָזנאַנסקי׳ס שפּיטאָל, וועגען וואָס עס טיילט מיט

די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

פּראָפ. שניידער-מייסטער-פעראיין

אין לאָדז, פּעטריקאָווער 20.

דינסטאַג, ד. 24. אַפּריל ד. י. 8 אָוענד קומט פאָר אין פעראיין די יעהרליכע

אַלגעמיינע פערזאַמלונג

מיט וואַהלען פון אַ נייע פערוואַלטונג און רעוויזיאָנס-קאָמיטע, צו וועלכע אַלע מיטגלידער ווערען געבעטען פּינקטליך צו קומען.

גלייכצייטיג מעלדען מיר, אַז דער פעראיין איז צוגעטרעטען אַרויסצונעהמען האַנדווערקער-קאַרטען פאַר זיינע מיטגלידער. איהר ווערט דעריבער אויפגעפאָדערט נישט צו פערזוימען און זיך פערשטענדיגען אין סעקרעטאַריאַט פון פעראיין יעדען טאָג פון 8 ביז 10 אָוענד. 745 די פערוואַלטונג.

## עפענטליכע ערקלערונג!

אַלס ענטפער אויף דער הכחשה אין „נייעם פאָלקסבלאַט“ פון 20 אַפּריל 1928 פון באַנקראָטניק און אַפעריסט י. מושעק נישט פאָמאָרסקאַ 93, נאָר נאַוואָמיעסקאַ 15 מאַך איך נאָכאַמאָל עפענטליך בעקאַנט, אַז אַלע זיינע טענות, אַז איך האָב נישט געוואָלט האַלטען דעם פּסק-דין, זענען דורכאויס פאַלש און איך בין ווייטער גרייט אויסצופיהרען יעדען פּסק-דין, וואָס יעדעס בית-דין וועט אַרויסטראָגען. אַזוי ווי דער פּסק דין איז שוין איינמאָל געוואָרען אַרויסגעטראָגען, אַז די זאַך זאָל קימען צו אַ תוך. ד. ה. צו אַ חתונה, האָט ער נישט געוואָלט ערפילען, ווייל ער האָט געוואָלט בעסער אַראָפּשלינגען די 1500 דאָלאַר. אַלע אויפפאָדערונגען פון די מורי-הוראות זענען געבליבען אָהן רעזולטאַט. נאָך דער אויפפאָדערוגג פון פּראָקוראָר האָט דער אַפעריסט איינגעלייגט 5% פון דער סומע 1500 דאָלאַר, וואָס מאַכט אויס 75 דאָלאַר, וואָס פון דער שפּאָטישער סומע האָט זיך הרב ר׳ יוסף פיינער אויסגעלאַכט. איך ערקלער דעריבער אָפען, אַז איך בין ווייטער גרייט אָנצונעהמען יעדען פּסק-דין פון וועלכען ס׳איז בית-דין, נאָר בתנאי, אַז דער אויבענדערמאָהנטער י. מושעק, נאַוואָמיעסקאַ 15 זאָל צושטעלען די 1500 דאָלאַר איינלייגען זאָגאַר אין סחורה, ווייל אָהן פּטיחות וועט דער שאַנטאַזשיסט ווידער נישט קומען.

מיט אַכטונג הענעך הימעלפאַרב, טאָמאַשאָוו-מאַזאָוו.

